# מעינקע באַדאַנעס־קאַץ



זון פון הירשע דוד ק.; געב. דעם צווייטן טאָג פסח, 1906, אין סווענציאַן, ליטע. געלערנט אין חדר און 3 יאָר אין אַ דייטשער פאָלקסשול. 1920 געקומען קיין אַמעריקע. געענדיקט פּאָבליק סקול, האַי־סקול און דעם פּרע־מעדיצין קורס פון קאָלאָמביאַ אוניווערסיטעט. 1925 דעביוטירט אין „ספּאַרטאַק". זיך באַטייליקט אין מאָרגן־פרייהייט, סיגנאַל, האַמער, יידישע קולטור און אין אַ ריי אַנדערע אויסגאַבעס פון דער לינקער באַוועגונג. רעדאַקטירט חודש־זשורנאַל „מיר" (איניינעם מיט וויליאַם אייבראַמס און יעקב סטאָדאָלסקי). אין בוכפאָרם: „דריי שוועסטער", 1932, 60 ז.; „דער מענטש אין טאָגן", 1935, פאַרלאַג „סיגנאַל" ביים פּראָלעטפּען, 141 זייטן; „ברענענדיק שטעטל", פאַרלאַג „סיגנאַל", 1938. בוך 1: 96 ז.; בוך צוויי: 96 זייטן; „ס'האָט דאָס וואָרט מיין באָבע מאַינע", 1939, 63 זייטן; „צו דערציילן אין פריידן" און „ברענענדיק שטעטל" (בוך דריי), 1941, 128 זייטן. — איז אַ לערער אין די שולן פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן.

וויליאם אייבראמס: א דיכטער איז וועג — „סיגנאל", מערץ־מאי, 1935.

וויליאם אייבראמס: פון בלוטיקן יאמער־טאל — „האמער", פעב. 1938.

וויליאם אייבראמס: מעינקע קאץ און די פאלעמיק וועגן פראלעטארישער ליטעראטור — „מארגן־פרייהייט", סעפט. 18, 1938.

# מעינקע באַדאַנעס־קאַץ

וויליאַם אייבראַמס: דער קאָלירפולער מעינקע קאַץ — „יידישע קולטור", מאַי 1942.

ר. אייזלאַנד: פּאָעט, קריטיקער — „טאָג", יוני 26, 1938.

מ. אָלגין: אַ בונט לידער פון אַ יונגן פּאָעט — „מאָרגן־פרייהייט", מערץ 10, 1930.

מ. אָלגין: די פּאָעזיע פון קרעציקע קעץ — „מאָרגן־פרייהייט", יוני 13, 1932.

מ. אָלגין: חבר מעינקע קאַצס פּאָעמע — „מאָרגן־פרייהייט", יולי 6, 1935.

מ. אָלגין: כאַראַקטעריסטיקן פון שריפטשטעלער — „מאָרגן־פרייהייט", אויג. 18, 1937.

מ. אָלגין: דער הײַנטיקער יום־טוב פון חבר מעינקע קאַץ — „מאָרגן־פרייהייט", אַפּריל 24, 1938.

מ. אָלגין: מעינקע קאַץ אין זיין נייסטער תקופה — „מאָרגן־פרייהייט", מאַי 8, 1938.

מ. אָלגין: צו דער דיסקוסיע — „מאָרגן־פרייהייט", אָקט. 23, 1938.

יעקב באָטאָשאַנסקי: צווישן ביכער און מחברים — „די פּרעסע" (בוענאָס־איירעס), אַפּריל 15, 1932.

י. באַשעוויס: מעינקע קאַץ: „ס'האָט דאָס וואָרט מיין באָבע מאַינע" — „צוקונפט", מערץ 1940.

י. ב. ביילין: „צו דערציילן אין פרײדן" — „מאָרגן־פרייהייט", אַפּריל 6, 1941.

מאַרטין בירנבוים: אַ פּאַסקוויל אויף דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור — „מאָרגן־פרייהייט", אויג. 21, 1938

י. ר. ברינמאַן: אויפן וועג צום אויסגעהאַמערטן פּראָלעטאַרישן ליד — „יידישער קוריער" (שיקאַגע), נאָוו. 24, 1935.

הערמאַן גאָלד: „דריי שוועסטער" — „וואַכנבלאַט", אַפּריל 29, מאַי 6, 1932.

ב. צ. גאָלדבערג: אין גאַנג פון טאָג — „טאָג", אַפּריל 29, 1932.

ב. צ. גאָלדבערג: אין גאַנג פון טאָג — „טאָג", יאַנ. 23, 1938.

יעקב גלאַנץ: מעינקע קאַצס „ברענענדיק שטעטל" — „דער וועג" (מעקסיקאָ), 1938

אליעזר גרינבערג: מעינקע קאַץביים ראַנד פון טאָגן — „האַמער", אַקט.־דעצ., 1936.

ב. צ. הערימאַן: „דער מענטש אין טאָגן" — „שפּיגל" (בוענאָס־איירעס), יוני 14, 1935.

י. א. וויסמאַן: פּאָעזיע אין אַ דולהויז — „אינזיך", מאַי 1938.

דר. ל. זשיטניצקי: דער דיכטער מעינקע קאַץ — דער מענטש אין טאָגן — „פּרעסע" (בוענאָס־איירעס), מאַי 15, 1935.

דר. ל. זשיטניצקי: דער דיכטער מעינקע קאַץ, זיין באָבע מאַינע און דאָס שטעטעלע מיכאַלישעק — „פּרעסע" (בוענאָס־איירעס), יאַנ. 17, 1940.

דר. ל. זשיטניצקי: מעינקע קאַצס „צו דערציילן אין פרײדן" — „פּרעסע" (בוענאָס־איירעס), דעצ. 24, 1941.

א. באַטאַטשניק: „דריי שוועסטער" — „בריקן" (שיקאַגע), 1932.

ש. טענענבוים: מעינקע קאַץ — „יידישער קוריער" (שיקאַגע), יאַנ. 19, 1938.

פ. טעפער: א לייענער האט דאס ווארט — „מארגן־פרייהייט“, אקט. 2, 1938.

ל. יורמאן: אן אנפאל, נים קיין דיסקוסיע — „מארגן־פרייהייט“, סעפט. 11, 1938.

אלעף כץ: „דריי שוועסטער“ פון מעינקע קאץ — „קענעדער אדלער“ (מאנטרעאל), יוני 7, 1932.

משה כץ: א וועלט ברענט אנדערש — „מארגן־פרייהייט“, דעצ. 26, 1937.

משה כץ: עפעס איז פויל אין דענמארק—„מארגן־פרייהייט“, אויג. 28, 1938.

יצחק ליבמאן: אן ענטפער אלגינען — „ניו־יארקער וואכנבלאט“, יוני 25, 1932.

דר. א. מוקדוני: ביכער און שרייבער — „מארגן־זשורנאל“, נאוו. 20, 1935.

דר. א. מוקדוני: ביכער און שרייבער — „מארגן־זשורנאל“, פעב. 11, 1938.

יעקב פילאווסקי: מעינקע קאץ פון די „דריי שוועסטער“ ביז „דער מענטש אין טאנן“ — „יידישע פרעסע“ (סאנטיאגא), כ׳ סיון, תרצ״ח; כ״ז סיון, תרצ״ח.

אהרן פעלדמאן: „דריי שעווסטער“ — „צוזאמען“, 1933.

ש. קאראקושאנסקי: עס טאגט נים — „יידישע פאלקסצייטונג“, מאי 31, 1935.

ש. קאראקושאנסקי: „ברענענדיק שטעטל“ — „יידישע פאלקס־צייטונג“ (ריא־דע זשאנעירא), פעב. 11, 1938.

אהרן קורץ: א שאס וואס טרעפט דעם שיסער — „מארגן־פרייהייט“, סעפט. 4, 1938.

חיים קרול: מעינקע קאץ — „פרייע ארבעטער שטימע“, סעפט. 4, 1936.

מלך ראוויטש: א פאעמע וועגן דריי שוועסטער — „וואכנשריפט פאר ליטעראטור“ (ווארשע), מערץ 31, 1933.

אברהם רייזען. ליטעראַרישע רעוויו — „פעדער“, 1936.

איציק שווארץ: מעינקע קאצס לידער — „טשערנאוויצער בלעטער“, יולי 12, 1935.

זלמן שניאורסאן [ל. כאנוקאוו]: דער דיכטער מעינקע קאץ — „יידישע קולטור“, מאי־יוני, 1941.

א דיסקוסיע וואס דארף אריינטראגן מער ליכט — „מארגן־פרייהייט“, סעפט. 3, 1938.

Books Abroad: University of Oklahoma Press, Norman, Oklahoma, 1935.

M. Olgin: Heroes of Poetry in Flesh—

ענגלישע אָפּט. „מאָרגן־פרייהייט“, אָקט. 2, 1938.

מעינקע קאַץ איז איינער פון די אימאַזשן־רייכסטע דיכטער אויפן לינקן פראָנט — און אפשר ניט נאָר אויפן לינקן פראָנט. מעינקע קאַץ איז דער אימאַזשן דיכטער „פּאַר עקסעלאַנס“. ער קען אַנדערש ניט זען ווי דורך אימאַזש. ער קען אַנדערש ניט אויפפּאַסן די וועלט ווי דורך אימאַזש.

מעינקע קאַץ איז אָבער ניט נאָר אַ זעער, נאָר אויך אַ פילער. זיינע זעאונגען זיינען אַלעמאָל געווען עמאָציאָנעל באַפאַרבט. די עמאָציעס זיינען אָפט געווען ביזאַר, פרעמד, ניט גענוג איבערצייגנדיק פאַרן זייטיקן, אָבער דעם דיכטער האָבן זיי גענוג געפּלאָגט. מיטן איבערגאַנג צו סאָציאַל־געזונטן שטאָף

ווערן די עמאָציעס אויך געזינטער, נאָרמאַלער — און אָנ־שטעקנדיקער. זייער קראַפט ווערט דורך דעם פאַרגרעסערט. מעינקע קאַץ איז אין דעם זין אַ ליריקער אַפילו אין די עפּישע ווערק: עס גייט נאָך נאָך זיינע שורות, עס אַקאָמפּאַנירט זיי, עס דרינגט זיי דורך אַ רייך עמאָציע־לעבן, אַ וואַרעמקייט פון שטראָמענדיקן בלוט, אַ פאַראינטערעסירטקייט, וואָס איז ניט אָפיציעל, נאָר פּערזענלעך, טיף און ערלעך־פּערזענלעך. מעינקע קאַץ איז איינער פון די אויפריכטיקסטע יידישע דיכטער. מעינ־קע קאַץ, אַליין אַן אויסגעשפּראָכענע, פּאָעטישע אינדיווידואַלי־טעט, ווייסט ווי צו אינדיווידואַליזירן זיינע פּערזאָנען. ער שאַפט לעבעדיקע מענטשן אין זיינע גרעסערע פּאָעמעס.

(מ. אָלגין: דער איצטיקער צושטאַנד פון דער רעוואָלו־ציאָנערער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, „מאָרגן־פרייהייט", אויגוסט 8, 1937).

## ביים ראַנד

מיר האָבן דורות אַזוי פאַרמשפּט —
גייען זיי דורך גליטשיקע גרונטן,
און פאַלן מיט תליות און מיט קרויינען
אין פייערן פון בונטן.

דעם עבר ווי דורך אַן אָונטשפּיגל —
פאַרשאַרט
מאַזאַליעטע האַנט — אַ לעבעדיק רידל.

אַ פולע ערד מיט ברוינעם קאָרן
וואַקסט
דורך קראַמף פון צעוואונדעטע יאָרן.

## אַ קללה דער איינזאַמקייט

פאַרלאָשן זיי אַ, איינזאַמקייט,
סיי אין גרויען צימערל, סיי אויף ברייטע, זוניקע וועגן.
איך האָב דורך לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט,
מיט דיר אַ, איינזאַמקייט,
ווי מיט אַ העסלעכער מכשפה פאַרשלאָסן זיך אַליין
און האָב פאַר עלנט זיך אַליין באַוויינט.

איך האָב געזוכט דעם זין פון פרייד אין אומרו פון וואַנדער,

און האָב באַגעגנט בלאָנדזשענדיק אַן אויסגעלאַכטן גאָט.
איך האָב געזוכט אַ שאָטן פון אַ טרוים,
דורך די ציינישע פייערן פון דער נאַכטיקער שטאָט,
איז דער פאַרדעכטיקטער חושך פון מרה־שחורה געקומען מיר אַנטקעגן.

אַצינד גיב איך אייך אָפּ אַלע מאַניענדיקע ליכטער פון די שטאָלענע הויכן,
פאַר אַ ליכטיק וואָרט וואָס קען דאָס טריבע האַרץ צעשנייען.
אַצינד גיב איך אייך אָפּ אַלע חנען פון בלום און בוים און קוואַל,
פאַר אַ נאָענטן בליק פון אַ לאַנג־געגאַרטן פריינט.
איך האָב געהערט אַ געזאַנג פון אַלע דורות אין איין דערוואַרטער מינוט, —
אַצינד גיב איך אייך אָפּ — בעטהאָווענס געטלעכע סימפאָניעס,
פאַר דער גוטער בשורה וואָס עס ברענגט אַ גליקלעך,
איבערראַשנדיק קול.

## שטאָט און פראָסט

### .1

שטאָלן גליען ווי קוזניעס אין די הויכן,
דער ווינט אין פייער ווי אַ בלאָז־זאַק בלענדט —
טורעמס קענען זייער סוף ניט גרייכן,
די זון בויט באַריקאַדן — בליצן־ווענט.

די שטאָט זינגט אַ מעשה פון אַמאָל:
אויף בראָדווייִ זיינען הירשן געשפּרונגען;
אָ, שטאָט, דיין האַרץ איז ראָד, דיין מאַרך איז שטאָל
דיין שטאַם איז בלוט פון מויערער־יונגען.

כ׳וועל דיין גרויס און קליינע לידער ראַמען,
און דיין הויך מיט הייסע פערזן מעסטן,
דער טאָג ברענט אויס אין פראָסטיקע פלאַמען;
קוימענס ווערן פאַר די שטערן — נעסטן.

און היימלאָזע נאַכט פון שטיין און טרויער,
קריצט איר אומגליק אויס אויף דיינע בויער.

.2

אַ העלער מדבר — די ענדלאָזע שטאָט.
די מויערן — שטאָלענע מיראַזשן;
עס זייען דעם עלנט הימלאָזע טריט,
קליידער אויף לייבער — צעפּליקטע באַנדאַזשן.

און הענט וואָס זייגען: זונען און שטערן,
דאָס ליד פון שטעט און זינגענדיקן קאָרן,
ליגן שטייף צו שטיינער צוגעפראָרן,
מיט בלוט און אָדערן אין מיסט צו קערן.

די שטאָט מיט ריזן־אברים שלאָגט.
בוים, מענטש און שטיין — אַ ברענענדיק געפלעכט;
מיט טויט — מיט בייטשן פון שטאָל, דער ווינט יאָגט,
מענטשן גייען מיט דעם פראָסט אַ טאַנץ.

די קעץ צום טאַקט אַזוי עלנט קלאָגן;
דורך נאַכט און פראָסט הימלאָזע טאָגן.

## אַ וויג ליד אַזאַ

(אין דער וואַרשעווער געטאָ)

איי־לע־ליו־לע ייִנגעלע מײַן,
ליולינקע ליו־ליו.
ס'האָט דער תליון דײַן טאַטן — אייביקן חושך אויסדערווײלט
און צוגענומען האָט ער דעם לעצטן שטראַל פון דײַן וויג,
איז דאָ געבליבן נאָר דער שאָטן פון שבעה און פון קריעה.
איי־לע־ליו־לע ייִנגעלע מײַן,
ליולינקע ליו־ליו.

באַלעווקי — דײַן וויסטע גאַס דערציילט:
דער תליון האָט דעם פרילינג פון די קייטן אויסגעפליקט,
און געבליבן איז יעדער זינגענדיקער בוים — אַ שטומע תליה.
דער תליון האָט מיט ווערגנדיקע הענט די זון אַליין דערשטיקט
און געבליבן איז דאָ אַ פראָסטיקער קבר — די גאַנצע ערד:
איי־לע־ליו־לע ייִנגעלע מײַן,
ליולינקע ליו־ליו.

דער תליון איז אַ זאַטע קראָ וואָס קראַקעט: זיג!
און געבליבן איז זיין קראַ־קראָ דאָס איינציקע ליד:
— קראַ־קראַ, איך בין שיין!
איך בין שיין קראַ־קראַ!
שיין איז דאָס בלאָנד פון אַ וואונד צעגליט,
שיין קען נאָר די רויז אויף אַ קבר בליען.

— קראַ־קראַ, איך בין געזונט!
איך בין געזונט קראַ־קראַ!
געזונט איז נאָר אַלץ וואָס דער טויט האָט געהיילט.
געזונט קען דער וואָרים צום הרג זיך ציען.
קראַ־קראַ איך בין געזונט,
איך בין געזונט קראַ־קראַ.

— קראַ־קראַ איך בין גערעכט: קראַ־קראַ.
מיין שווערד איז פון גערעכטיקייט אַליין גערעכטער:
גערעכט איז אַ לעצטע שעה אין אַ טויטן־צעל.
גערעכט איז אין צעצויטן פעלד — די דאָרנדיקע תליה,
גערעכט איז די קללה וואָס פאַלגט מיין אַלמעכטיקן באַפעל
און די קויל וואָס רייסט דאָס האַרץ אויף איז פון אַלעמען גערעכטער.

איי־לע־ליו־לע יתומל מיין,
ליולינקע ליו־ליו.
דיין ביינערדיקער שאָרך צעשאַרט אַ שאָטנדיקע מורא
און מורא האָב איך אַפילו פאַר אַ פּראָסטן גאַסן־בוים,
ס׳זאָל חלילה באַלד אַ סטראַשידלע אַ הוילע ביט ווערן;
און מורא האָב איך אַפילו אויסצוקלערן דיר אַ טרוים,
ס׳זאָל חלילה ניט דערהערן — אַ האַרכנדיקער שטיין
און ווערן קען אַ מסור אַפילו אַן אויגיקער שטערן.

איי־לע־ליו־לע יתומל מיין,
ליולינקע ליו־ליו.
איבער דיר אַ קראַנץ מלאכימלעך שוועבן,
און בעטן דיך גוט זיין,
און בעטן דיך ש—אַ זיין:
ש־ש־ש ש־ש ש — — — —
ס׳זאָל חלילה ניט דערמאָנען דיין געוויין,

אַז ערגעץ לעשט זיך נאָך אַ בלאַנדזשענדיק פונק לעבן:
איי־לע־ליו־לע יתומל מײַן,
ליולינקע ליו־ליו.

## עלציק

דײַנע טעג פאַרשניטענע זע איך שײַנען:
אויף באַדימענטע פינגער, אויף פאַלאַצנווענט.
דײַנע וואונדן פינקלען נאָך אין זײַערע ווײַנען,
דײַן בלוט אין זײַער זונפאַרגאַנג נאָך ברענט.

אין פרילינג זע איך דײַן גוף אין גראָז זיך באַיטן.
דו דערמאָנסט אָן נעכט וואָס זילבערן קופּעס קנאַכן,
ווען אַ קראָ ווי אַ טויטנפאָן — אין צעשאָסענע ווײַטן
האָט אויף הרוגים־בערג — אירע פליגל צעבראָכן.

איך זע דעם שטערנוועג, ווי מיט קעפּ צעצונדענע גײן,
אַ דולער, אין שײַן פון קאַנאָנען,
קרימט נאָך פון האַלב־געקוילעטע דאָס געוויין.

מיט דײַן טויט, ווי מיט לאַווע אַ שטיק,
גיי איך צום טאָקט פון בראַנדיקן הײַנט:
בונטן! מאַרשן — ענדלאָזע מענטשן־שטריק,
ווערגן דעם יאָרטויזנטן־פײַנט!

## דאָס ריזעלע

(פראַגמענט)

„דאָ ליגט די גוטע באָבע מאַינע —
עליה־השלום, עליה־השלום.
אין יעדן ווינטעלע, זאָל זי דורס האַרף ווערן.
אליהו־הנביא, זאָל איר קומען צו חלום.
אירע מצווהס, ניט צו ציילן, ווי די שטערן.
בחינם האָט זי אין דלותדיקן שולהויף,
געהיילט דעם פּיפּעץ פון יעדן קראַנקן עוף.
בחינם האָט זי פון שחרית ביז שפּעט,
פאַר דעם הקדש — געוואַשן גרעט

און פֿאַר די ליידיקע טאָרבעס, די עין־הרעס אָפּגעשפּראָכן.
מיט אונדזערע זונפֿאַרגאַנגען פֿלעגט זי טרויערן.
מיט אונדזערע באַגינענס פֿלעגט זי האָפֿן.
דורך בייטש און דורך יאָמער,
האָט זי געשלעפּט אונדזער גאַליקן אינדערוואָכן.
מיט איר לעצטן אָטעם,
האָט זי געהויכט דעם פֿראָסט פֿון אונדזערע שויבן.
אָי, ניט בחינם זאָל זי אַהין־אַהין אַרויף,
זיין פֿאַר אונדז אַ בעטערן דאָרט אויבן־אויבן
און דער וואָס לעבט אייביק־אייביק, —
אויב ניט פֿון גן־עדן, די פֿאָדערשטע טויערן,
זאָל כאָטש אַ הינטער־טיר, האַלטן פֿאַר איר אָפֿן־אָפֿן".

## מיין געסל

מיין געסל איז אַלט און בלינד.
ווי צווישן פֿעלדזן — ווייסע גראָז,
וואַקסן קופּעס קינדער.
מיט בעטלער און מיט רויבער רוישן בלאַטע ראָגן —
ווייניק פֿרעגן פֿאַרוואָס
ס'זיינען דאָ שוואַרץ די ליכטיקסטע פֿאַרטאָגן.

אין ברודנע כאַלופּעס
בלאָנקט די נויט אויף וואַכע מעסער;
בלודנע ברואים פֿראַוועז חופּות
אין חורבות און אין פֿוילע פֿעסער.

לאַנגע נעכט גייען אויס —
מיט מעשׂיות פֿון שטאָט־גזלנים,
און קאַלט און גרוי קוקט אַרויס
פֿון יעדער שויב — אַ פֿאַרלאָשן פּנים.

מיין געסל איז אַלט און בלינד,
און טעג קאָרטשען זיך אין שטענדיקן קראַמף,
נאָר ווי אויף אַ פֿלייט שפּילט דער ווינט,
פֿון זון — און פֿון די העלסטע קאַמפֿן.

מעינקע באַדאַנעס־קאַץ

# פרילינג

פרילינג גייט דורך קעלערס און דורך גרויע הייזער,
דורך האַיפּעלעך ערד פון דאַרע וואַזאָנעס;
און וויקלט אויף דאָס האַרץ פון ווערימל און קווייט,
און קושט מיט ווינטעלעך אויס די טוכלע ווענט.

מיט געלקייט פון האַרבסט איז דער פרילינג דאָ געקומען,
אויף פּאָליצעס
גאָלדיקט זיך דער שטויב אין אומעטיק געפּעס,
און ס׳בליט דער שימל אויס אין גרינע בלומען.
אַ הונגעריקער מעת־לעת איז פון אַ זאַטן יאָר גרעסער.

פאַרביי פענצטער
זינגען ווארילע „כאַיקעס״ מיט שטעטלדיקע צעפּ —
פון שטעטעלעך צערונענע אין אַן אַלטן בין־השמשות,
און מישן בידנעם לעבן אויף יעדן בלאַט:
„צי דען בין איך פון אַ שטיין געבאָרן,
צי האָט מיך קיין מאַמע געהאַט?״

אַ געמאָלענער ווינט אויף מיין קאַלענדאַר
צעוואַרפט דעם ים אין געזאַנג פון בוואַליעס —
לעם בלויע פייגל און לעם באָענטן הימל
פלאַצט דער באַגינען ווי אַ קנאָספּ —
דאָ איז דער טאָג פאַרצויגן ווי מיט בעלמעס,
עס שיילן זיך מאַזאָליעס פון אַרבעטלאָזע הענט,
און שטיינער באָגן מיט היימלאָזן צער.

די פויקן־טענצער און די שמאַטע־קלייבער,
באַיטן אַ פרילינגדיקע שעה אויף אַ האַלבן סענט.
אויף אומרואיקע געלעגערס — שוואַנגערן ווייבער
מיט בייעם מענטש ווי מיט זונאויפגאַנג.

# המשך
# אַנטאָלאָגיע
פון
# אַמעריקאַנער־ייִדישער
# 1918 דיכטונג 1943

צונויפגעשטעלט
פון
# משה שטאַרקמאַן

פאַרלאַג „המשך" ניו־יאָרק
תש״ה
1945

געזעצט און געסדרט די זייטן — **בנימין קאַץ.**

שער־בלאַט געצייכנט פון **יודא א. יאָפע.**

**Copyright 1945**
**by HEMSHEKH FARLAG**

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL NEW YORK 25